בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ

תשפ"ד

342

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון

23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב

ליבערטי - ניו יארק

### האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל

291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק

רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה

רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד

רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל

רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת

רח' צהל 1
**050-412-6101**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן אָפֶּענֶער מוֹפֵת?........................א

דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת פוּן קְלֵיינְוַויז אָן?..........................ג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן הַארְבֶּע נִסְיוֹנוֹת?....................ד

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְבְּן דִי נֶעגְל?............................ו

וִויפִיל חוּמְרוֹת זָאלְן מִיר טוּן אוֹיף פֶּסַח?.......................................ז

צוּ מַיין שִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת, זָאל אִיךְ צוּלֵייגְן אוֹיךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא?................ט

קוֹיפְן פַאר דִי וַוייבּ מַתָּנוֹת, וֶוען זִי גֵייט עֶס נִישְׁט נוּצְן?........................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ פָּארְנֶעמֶען בַּיים יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ...........א

פָּארְן אוֹיף וַואקַאצִיעֶ מִיט חֲבֵרִים אָדֶער דִי וַוייבּ?................................ב

פוּן נִישְׁט גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ, פַארְדִינְט מֶען נִישְׁט..........................ג

מְחַזֵק זַיין דִי לֶערֶערִינְס..........................................................ד

אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵייְדְל...........................................ה

גְרוֹיסֶע נִסִים צוּ צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז פֶּסַח..............................ו

וֶוען אַ קִינְד חוּצְפָּה׳ט זִיךְ.........................................................ז

גֵיי נִישְׁט דָארְט, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט לֵצִים..........................................ח

דִי וָואס רֵייצְן אָן אַנְדֶערֶע, ווילְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.................................ט

אַלֶע צָרוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע..............................י

דוּרְךְ עֲבֵירוֹת וֶוערְט דִי לֶעבְּן טוּנְקְל, שְׁוַוארְץ, קָאמְפְּלִיצִירְט.......................יא

דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ............................ יב
פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר הַמִידוֹת ............................ יג
חִיזְבַּאלַא, כַאמַאס, אִירַאן; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן ............................ יד
פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................ טז
דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אוּן שְׁמִירָה ............................ טז
קוּקְן עֲבֵירוֹת מַאכְט נִישְׁט פְרֵייליךְ, עֶס מַאכְט נָאר דֶערְבִּיטֶערְט ............................ יז
דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיט גוּטֶע מִידוֹת ............................ יח
דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְנִידֶערְט ............................ יח
אַ צַייטְלִיכֶער מְלַמֵד אִיז אִין קְלַאס צֶען מִינוּט פְרִיעֶר ............................ יט
גַבָּאִים דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, אָן קַיין אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת ............................ כ
דֶערְבִּיטֶערְט צוּם טוֹיט, פוּן וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ ............................ כא
גֶעעֶנְדִיגְט מִיט טְשֶׁעפֶּען אוּן וֵויי טוּן, וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע ............................ כב
חוֹדֶשׁ הַגְאוּלָה, יֶעדֶער וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע גָלוּת'ן ............................ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַן אָפֶּענֶער מוֹפֵת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן אַן אָפֶּענֶעם מוֹפֵת אַז אַזוֹי זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען דְרַיי מָאל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעווִיזְן זַאכְן חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

אִיז דָאס שַׁיָּיךְ אוֹיךְ בַּיי מִיר? קֶען אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר וַוייזְן נִיסִים חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע, כְּדֵי צוּ שְׁטַארְקְן מַיין אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אִיז דָאס שַׁיָּיךְ פַאר דִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ בַּאוַוייזְן צוּ דִיר, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אַז מִיר זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ טוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט:**

**אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער**

גֶעשְׁטַארְקְט אִין דִי עֲבוֹדָה, צוּ רֶעדְן גָאר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ אִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז ס'אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער דֶעמָאלְט דָאס צוּ טוּן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען אוּן גָארְנִישְׁט גֶעפִילְט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל.

עֶר הָאט דַאן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ בַּאוַוייזְן פַאר אִים, אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן דַאן הָאט אִים פַּאסִירְט דְרֵיי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעווִיזְן אַ נֵס.

אֵיינְס אִיז גֶעוֶועזְן אַז אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶועזְן דָארְט אוֹיפְן וֶועג אַ גְרוֹיסֶער צֶלֶם, אַזוֹי ווִי ס'אִיז גֶעוֶועזְן דִי סֵדֶר פוּן דִי גוֹיִם דֶעמָאלְט צוּ לֵייגְן אִיבֶּערָאל אַ שְׁתִי וָעֵרֶב, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי דֶערְפְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם, עֶס הָאט אִים מְבַלְבֵּל גֶעוֶועזְן צוּ זֶען דֶעם צֶלֶם אִין דִי צַייט וָואס עֶר שְׁפַּאצִירְט דָארְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דַאן הָאט זִיךְ דֶער צֶלֶם פְּלוּצְלִינְג צֶעבְרָאכְן אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן צוּ דֶער עֶרְד.

דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועזְן אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעבְן טַייךְ, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶועזְן אַסַאךְ פִישׁ אִין טַייךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי פִישׁ זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל דַארְפְן אַרַיינְוַוארְפְן אַ נֶעץ, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועזְן.

דִי דְרִיטֶע אִיז גֶעוֶועזְן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶען אַ מֵת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְן. עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶען אַ מֵת.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אִין זַיין צִימֶער אִין זַיין שְׁוֶוער׳ס הויז, און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶעמָאלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מֵת, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַ מֵת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאךְ גָאר יוּנְג גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, און וִוי דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אִיז דֶער מֵת גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע. און פון גְרוֹיס פַּחַד הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צו שְׁרֵייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת, דִי שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען צו לוֹיפְן הֶערְנְדִיג דִי גֶעשְׁרֵייעֶן, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין צִימֶער וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן פון אִינֶעוֵוייניג. בִּיז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּם סוֹף צו עֶפֶענֶען דִי טִיר און אַרַיינְקוּמֶען, און דַאן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי בַּארוּאִיגְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן עט).

*

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת פון קְלֵיינְוַוייז אָן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין קְלֵיינֶער צְוֵויי יֶערִיג אִינְגָל מֶעג זֶען וִוי מֶען בָּאדְט זַיין קְלֵיין שְׁוֶועסְטֶערְל, אָדֶער וִוי מֶען טוּישְׁט אִיר אִיבֶּער? דַארְף מֶען לֵייגְן אַ דָגוּשׁ אוֹיף דֶעם אוֹיף אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט - וֶוערְט אַ בִּילְד אִין מֹחַ, אוּן אֲפִילוּ וָואס אַ קִינְד זֶעט - וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מֹחַ אַ בִּילְד, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער גֶעדֶענְקְט מֶען עֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן הַארְבֶּע נִסְיוֹנוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע תַּאֲוָה צוּ קוּקְן אוֹיף זִיסֶע בָּחוּר'לֶעךְ, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִסְיוֹנוֹת צוּ טוּן מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס צִיעֶט מִיר אוֹיךְ צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי וֶועגְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם; וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן מִיט מְנִיוָולִים וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת מִיט קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים; מֶען דַארְף זֵיי אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן מֶער נִישְׁט זֶען דִי שַׁיין פוּן דִי זוּן.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ אֵיינֶער נֶעמְט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אוּן טוּט מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת, אוֹיף אַזַא אֵיינֶער טָאר מֶען נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן, אַזַא אֵיינֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ, אַן אַכְזָר. דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוֹיף אֵיין עֲבֵירָה טָאר מֶען

נִישְׁט מְלַמֵד זְכוּת זַיין, דֶער זֶעלְבֶּע רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז מְלַמֵד זְכוּת זַיין אֲפִילוּ אוֹיף רְשָׁעִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכָר", מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי עֲבֵירָה, אַזַא אֵיינֶער בַּאקוּמְט סְקִילָה; אוֹיב וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן דִי סַנְהֶדְרִין - וָואלְט מֶען אִים גֶענוּמֶען אוּן פַארְשְׁטֵיינֶערְט. אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא כ, יג): "מוֹת יוּמָתוּ דְּמֵיהֶם בָּם", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ל.) אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי סַנְהֶדְרִין וָואס זָאלְן מַעֲנִישׁ זַיין מִיט דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין, אִיז אָבֶּער וַוייטֶער דָא דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן - אוֹיב מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה; וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב סְקִילָה פַאלְט אַרָאפּ פוּן אַ דַאךְ אָדֶער וֶוערְט עֶר פַארְצִיקְט פוּן אַ חַיָּ׳, וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב שְׂרֵפָה וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אָדֶער כַאפְּט עֶר אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג, וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב מִיתַת הֶרֶג וֶועט גֶעהַרְגְ׳ט וֶוערְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז מְחוּיָב חֶנֶק וֶוערְט דֶערְטְרוּנְקֶען אִין וַואסֶער אָדֶער וֶועט עֶר דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דָאס אִיז אוֹיף אַ מְנִיוָול אָדֶער צְוֵויי מְנִיוָולִים וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת, דִי זֶענֶען חַיָּיב מִיתָה, עֶס וֶועט זֵיי גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, זֵיי טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אֵיינֶער אַ רָשָׁע וָואס נֶעמְט יוּנְגֶע קִינְדֶער, יוּנְגֶע בָּחוּרִים - אוּן טוּט מַעֲשֶׂה נְבָלָה, אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, סִימָן ו): "בַּעֲווֹן מִשְׁכַּב זָכָר נִתְפָּס בִּתְפִיסָה", וֶוער עֶס טוּט דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, וֶועט צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם טָאר מֶען נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן.

...

### ווי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְבְּן דִי נֶעגְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ כֹּחַ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ דַארְף חִיזוּק, אִיךְ הָאב זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְקַבֵּל גֶעוֶועןְ, אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים, זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְבְּן דִי נֶעגְל. אִיךְ הָאב זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק צוּ דֶעם שׁוֹין אִיבֶּער אַ יָאר, אָבֶּער לֶעצְטְנְס אִיז מִיר עֶס גֶעוָוארְן שְׁוֶוערֶער, זֶעעֶנְדִיג ווי מַיינֶע חַבֶר'טֶעס פַארְבְּן זִיךְ יָא. אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין גוּטֶע קַבָּלָה, און אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט טוּישְׁן, אִיךְ צִיטֶער צוּ פַארְבְּן דִי נֶעגְל נָאכְן הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים ווִי הַארְבּ דָאס אִיז, און אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל חִיזוּק אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן וֶוען מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אִיר פַארְבְּן אִירֶע נֶעגְל. פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאט זִי מִיר עֶס גֶעבֶּעטְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאב גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם און בַּאשְׁלָאסְן עֶס צוּ טוּן פַאר אִיר, כְּדֵי אִיר נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין, אוֹיב וֶועל אִיךְ אִיר זָאגְן פַארְוָואס אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט טוּן; הָאב אִיךְ גֶעטוּן רִיכְטִיג? און וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אוֹיב פַּאסִירְט דָאס נָאכְאַמָאל?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן, און נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווָאוּיל אִיז אַייךְ און ווָאוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר שְׁמִירְט נִישְׁט אַייעֶרֶע נֶעגְל, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר פִירְט זִיךְ אֵיידְל און עֶרְלִיךְ - זָאלְט אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; אֵיידְלְקֵייט בְּרֶענְגְט

עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אֵיידְלְקֵייט בְּרֶענְגְט גוּטֶע קִינְדֶער.

זֵייעֶר גוּט הָאט אִיר גֶעטוּן אַז אִיר הָאט גֶעטוּן וָואס אֵייעֶר מַאמֶע בֶּעט אַייךְ, אָבֶּער פַּאר זִיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל; נִישְׁט פוּן דִי הֶענְט אוּן נִישְׁט פוּן דִי פִּיס, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין לַאנְגֶע נֶעגְל, נָאר זִיךְ שֶׁערְן דִי נֶעגְל יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת לְכָבוֹד שַׁבָּת, וַוייל לַאנְגֶע נֶעגְל אִיז דִינִים, לַאנְגֶע נֶעגְל בְּרֶענְגְט טוּמְאָה.

גֶעווּאוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן זַייט שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִויפִיל חוּמְרוֹת זָאלְן מִיר טוּן אוֹיף פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ דִי שִׁיעוּרִים אוּן צוּ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה לְמַעֲשֶׂה בְּנוֹגֵעַ זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת. עֶס קוּמְט פֶּסַח אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְשִׁידֶענֶע חוּמְרוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אִיךְ לָאז נִישְׁט כַּשֶׁר'ן דִי סֶעלְף קְלִינִינְג אוֹיוְון דוּרְךְ דִי סֶעלְף קְלִין, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס הַאלְטְן נִישְׁט דֶערְפוּן. אוֹיךְ לָאז אִיךְ נִישְׁט מָאלְן דִי פִישׁ אִין פִישׁ גֶעשֶׁעפְט, וַוייל פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט. יֶעדֶעס יָאר הָאט מַיין וַוייבּ טַעֲנוֹת אַז אִיךְ בִּין אַ פְרוּמֶער אוֹיף אִיר חֶשְׁבּוֹן, וַוייל אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי מַחְמִיר, אוּן יֶעצְט קוּמְט זִי מִיט אַ שְׁטֶערְקֶערֶע טַעֲנָה, וַוייל זִי הֶערְט פוּן מִיר אַז אִין בְּרֶסְלֶב הַאלְט מֶען נִישְׁט פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, זִי זָאגְט מִיר: "דָא בִּיסְטוּ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אוּן דָא גֵייסְטוּ קֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה".

מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל פְרֶעגְן דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן מִיר וֶועלְן טוּן וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט זָאגְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן חוּמְרוֹת, אֲפִילוּ חוּמְרוֹת בַּיי יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' - בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם טָעוּת, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?'"

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ יוֹם טוֹב עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, "הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, 'דִי בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוָואל וַואסֶער', וַוייל אַ קְוָואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ". אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוָואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוָואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת,

הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַּאר מֶענְטְשְׁן און נִישְׁט פַּאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צוּ מַיין שִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת, זָאל אִיךְ צוּלֵייגְן אוֹיךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס טוֹישְׁן מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, פַּאר אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן אוֹיף יֶעדְן הִינְזִיכְט.

פַּאר עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, און אַזוֹי עֶנְדִיג אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם און דָאס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוָוארְן וִוי אַ חֵלֶק פוּן מַיין לֶעבְּן, און אִיךְ זֶע מִיט דִי אוֹיגְן וִוי דָאס הָאט מִיר גָאר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט אוֹיף גָאר אַסַאךְ אוֹפַנִים, אַסַאךְ זַאכְן הָאבְּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְט אִין מִיר און אִין מַיין פַאמִילְיֶע. אוֹיךְ פְּרוּבִיר אִיךְ צוּ מַאכְן יֶעדְן טָאג צַייט צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ.

יֶעצְט וָואלְט אִיךְ שְׁטַארְק גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּצוּלֵייגְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרִים, וֶועט עֶס מִיר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת; אִיז רִיכְטִיג צוּצוּלֵייגְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר צוּ מַיין סֵדֶר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען

אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִשְׁנָיוֹת צִיט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע בְּלָאטֶעס, פוּן דִי גֵיהִנּוֹם בָּזֶה וּבַבָּא; אַזוֹי וִוי דֶער חִידָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת (עָמוּד מא): "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווילְן אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִנּוֹם, בִּיז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב קוּמְט אוּן פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת?" אוֹיב הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת טְרָאגְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַן עֵדֶן. עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'מִשְׁנָה', אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גַן עֵדֶן; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר לְאַחַר הַפְּטִירָה, דָאס אִיז נָאךְ יֶעצְט וֶוען מֶען לֶעבְּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת הִיט עֶס אִים אָפּ פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס ווילְן אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט לֵייג צוּ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, לֶערְן יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַ בְּלַאט גְמָרָא, מוֹהֲרַאַ"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין): "לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג", עֶס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים, דִי מֶרְכָּבָה פוּן דִי שְׁכִינָה, גְמָרָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מִ'יכָאֵל, גַ'בְרִיאֵל, רְ'פָאֵל, אוּ'רִיאֵל, וֶועסְט וֶוערְן אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז נִישְׁט קַיין סַאךְ, אַ בְּלַאט גְמָרָא קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאווַייזְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַ בְּלַאט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד" גִימַטְרִיָא שְׁמָהּ שֶׁל הַקְּלִפָּה הַמַּחֲטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא - פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קוֹיפְן פַּאר דִי וַוייבּ מַתָּנוֹת, וֶוען זִי גֵייט עֶס נִישְׁט נוּצְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן [בֵּייגֶעלֵייגְט אִין דֶעם קוּנְטְרֵס, אִישׁ אֱמוּנוֹת עָמוּד ???]: "יֶעצְט קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, זֶע צוּ קוֹיפְן פַּאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע צִירוּנְג אוּן נַייעֶ קְלֵיידֶער"; הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ מַיין וַוייבּ הַאלְט נִישְׁט בַּיים אָנְטוּן דִי צִירוּנְגֶען, צִי אִיךְ זָאל אִיר נָאךְ וַוייטֶער קוֹיפְן?

אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעקוֹיפְט מַתָּנוֹת צִירוּנְגֶען, זִי נוּצְט עֶס אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט. אוֹיסֶער דִי אוֹיעֶרִינְגְלֶעךְ, וַוייל אִיר מַאמֶע גֵייט אִיר אָנְשְׁרֵייעֶן אוֹיבּ זִי גֵייט נִישְׁט מִיט אוֹיעֶרִינְגְלֶעךְ. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אִיר אַסַאךְ מָאל גֶעקוֹיפְט מַתָּנוֹת טֵייעֶרֶע פֶּערְפְיוּמְס אוּן זִי הַאלְט נִישְׁט בַּיים עֶס נוּצְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט מֶעיקְאָפּ נוּצְט זִי כִּמְעַט קֵיינְמָאל נִישְׁט.

וֶוען עֶס וָואלְט גֶעקוּמֶען פוּן גְרוֹיס צְנִיעוּת, וָואלְט אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה קוּמְט עֶס פָּשׁוּט פוּן נָאכְגֶעלָאזְקֵייט; וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן, דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דַיין וַוייבּ אִיז נָאכְגֶעלָאזְט - דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם; וָואלְסְטוּ אִיר אוֹיפְגֶעבּוֹיט, גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן גֶעמוּטִיגְט - וָואלְט זִי נִישְׁט גֶעוֶוען נָאכְגֶעלָאזְט.

דִי וַוייבּ אִיז אַ שְׁפִּיגֶעלֶע פוּנֶעם מַאן, ווִי אַזוֹי דֶער מַאן קוּקְט אוֹיף זַיין וַוייבּ - אַזוֹי אִיז זִי; קוּקְט עֶר אוֹיף אִיר ווִי אַ נֶעבֶּעךְ, ווִי אַ נָאכְגֶעלָאזְטֶע -

ווערט זי אַ נָאכְגֶעלָאזְטֶע, אַ נֶעבֶּעך, הָאט דֶער מַאן שֵׂכֶל, עֶר קוּקְט גוּט אוֹיף אִיר, עֶר גֶעבְּט אִיר גוּטֶע ווערְטֶער, עֶר לוֹיבְּט אִיר מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע לוֹיבּ ווערְטֶער - ווערְט זִי אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוּן פְרֵיילִיךְ, ווַייל אוֹיפְן מַאן לִיגְט דֶער חִיוּב פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי ווַייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי ווַייבּ; אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי ווַייבּ, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת צוּ מוֹחִין דְגַדְלוּת.

הֶער אוֹיס דִי עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"ש ווֶעסְטוּ זֶען ווִי וואוּנְדֶער ווֶעט פַּאסִירְן, דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן נָאר גוּטֶע ווערְטֶער, אוּן מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן ווִי שְׁטַארְק עֶס מֵיינְט פַאר דִיר ווֶען זִי גֵייט מִיט אַ קֵייטְל, מִיט אַ בְּרֶעיסְלֶעט, מִיט אַ שֵׁיינֶע זֵייגֶער, אוּן אַז זִי ווֶעט פוּן גְרוֹיס יֵאוּשׁ צוּרִיק זָאגְן: "הָאסְט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ", זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אַוַדַאי הָאבּ אִיךְ דִיךְ לִיבּ, אוּן נָאר ווַייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אִיז מִיר חָשׁוּב אַז דוּ גֵייסְט מִיט אַ צִירוּנְג", אוּן אַז זִי ווֶעט עֶס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען - זָאלְסְטוּ נִישְׁט ווערְן אוֹיס מֶענְטְשׁ, נָאר נָאךְ אַ טָאג צְווֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן ווִי סַאךְ עֶס מֵיינְט פַאר דִיר, אוּן ווִי גוּט דוּ ווֶעסְט זִיךְ שְׁפִּירְן אַז זִי ווֶעט גֵיין מִיט צִירוּנְג וְכוּ', ווֶעסְטוּ זֶען אַז זִי ווֶעט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "וְאֵינָהּ כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כְּלִי", דִי ווַייבּ ווערְט אֵיינְס מִיטְן מַאן וָואס מַאכְט אִיר אַ כְּלִי; מוֹהֲרָא"ש טַייטְשְׁט אוֹיס דִי גְמָרָא, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַ מַאן וָואס בּוֹיט אוֹיף דִי ווַייבּ, עֶר גֶעבְּט אִיר גוּטֶע ווערְטֶער, אוּן מִיט סַבְלָנוּת לֶערְנְט עֶר אִיר ווִי אַזוֹי זִיךְ אָנְצוּטוּן, אוּן ווִי זִיךְ אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן; ווערְט זִי אַ כְּלִי, אוֹיפְגֶעבּוֹיט מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ פָּארְנֶעמֶען בַּיים יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער – דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ מֶען זָאל זֶען בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים; מֶענְטְשְׁן קוּמֶען פוּן אִיבֶּערָאל נֶעמֶען בְּרָכוֹת, דוּ וואוּנְטְשְׁסְט זֵיי אָן בְּרָכוֹת פַאר שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט אוּן פַאר קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מַאכְסְטוּ דָאס?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּאסִירְן דִי גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים".

דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג; זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, לֶעבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן בְּשָׁלוֹם. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֵייט אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, נִישְׁט מִיט מַחֲלֹקֶת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ הָאט מֶען פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד – לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד"; דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, זַיין בְּשָׁלוֹם, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם חֶשְׁבּוֹנוֹת, אִיךְ בִּין פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, מִיט פַּיינְטְשַׁאפְט אוּן מִיט קִנְאָה, הַצִּילֵנוּ, הוֹשִׁיעֵנוּ, הֶעלְף מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פָארְן אוֹיף וַואקַאצְיֶע מִיט חֲבֵרִים אָדֶער דִי וַוייבּ?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶועזְן הֶערְלִיךְ שֵׁיין, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", דִי שַׁבָּתִים וָואס מֶען קוּמְט צוּ מִיר אִיז מֶער אוּן גְרֶעסֶער וִוי פַאסְטְן זִיבְּן מָאל פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ בִּיז סוֹף וָואךְ; מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז אוֹיךְ הַיינְט, וֶוען מֶען קוּמְט דַארֶוועגֶען אִין אַ שְׁטִיבְּל וואוּ מֶען רֶעדְט נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס אַזוֹי גְרוֹיס, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ קְדוּשָּׁה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי קִינְדֶערִישֶׁע מַעֲשִׂיּוֹת, לָאז זִיךְ אָפּ מִיט דִי קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיגְקֵייט פוּן "אַרוֹיסְגֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים"; מוֹהֲרַ"שׁ לֶערְנְט אוּנְז: "אוֹיבּ אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ חַבֵר - אִיז דָאס דִי וַוייבּ"; מִיט אִיר זָאל מֶען רֶעדְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען, אוּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶועזְן פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן, מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם

מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בֵּית חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִי וָואס פָארְן אוֹיף וַואקַאצְיֶע מִיט חֲבֵרִים; ווִי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי נַארִישׁ, אַזוֹי קִינְדִישׁ - אִיבֶּער צוּ לָאזְן אַ וַוייבּ אוּן גֵיין מִיט חֲבֵרִים אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג אוֹיף וַואקַאצְיֶע?! דִי חֲבֵרִים זֶענֶען חֲבֵרִים פַאר אַ הַאלְבֶּע טָאג אָדֶער אַ הַאלְבֶּע וָואךְ, נָאכְדֶעם וֶוערְן זֵיי נֶעלָם, נִישְׁט נָאר נֶעלָם נָאר זֵיי בַּאגְרָאבְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ מִיאוּסְ'ן אוֹפָן; ווִי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי נַארִישׁ, זִיךְ פִירְן ווִי אַ קְלֵיין קִינְד; דִי וַוייבּ אִיז אַ שְׁמַאטֶע, זִי אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד; מֶען לוֹיפְט צוּ חֲבֵרִים, אָן קַיין שֵׂכֶל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פוּן נִישְׁט גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ, פַארְדִינְט מֶען נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע צִירוּנְג אוּן נַייֶע קְלֵיידֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ פַאר דַיין וַוייבּ גֶעלְט, זֵיי נִישְׁט קַיין קַמְצָן, פִּיר זִיךְ עֶרְלִיךְ; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד פִירְט זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּבּ שֵׁיין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז מְקַיֵּים וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין פד:): "לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר זַיין עֶסְן, אוֹיךְ זָאל עֶר נִישְׁט קוֹיפְן קַיין קְלֵיידֶער פַאר מֶער ווִיפִיל עֶר הָאט, אָבֶּער דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר מְכַבֵּד זַיין אוּן אוֹיסְגֶעבְּן מֶער ווִיפִיל עֶר

הָאט; אַזוֹי ווי רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פָּרָשַׁת עֵקֶב): ״אִיךְ הָאב גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, אָבֶער פַאר זַיין ווייבּ הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי זִי זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט״.

אַז דוּ ווילְסְט שְׁפָּארְן - זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוֹיפְן קַיין צִיגַארֶעטְלֶעךְ אוּן ווַיין, נֶעם אַרָאפּ פוּן דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, שְׁפָּאר גֶעלְט אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן, זַיי נִישְׁט קַארְג אוֹיף דַיין ווַייבְּ׳ס חֶשְׁבּוֹן, פוּן נִישְׁט גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי ווַייבּ - פַארְדִינְט מֶען נִישְׁט, מֶען דֶערְלֵייגְט נָאר.

אִיךְ הָאף אַז דַיין שְׂכַר לִימּוּד אִיז אוֹיסְגֶעצָאלְט, אַז מֶען צָאלְט שְׂכַר לִימּוּד - אִיז דָא הַצְלָחָה בַּיי דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימּוּד - אִיז בִּיטֶער בִּיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְחַזֵּק זַיין דִי לֶערֶערִינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וויל אַייךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט מְחַזֵּק זַיין דִי טִיטְשֶׁערְס, זַיי דַארְפְן אַייעֶרֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער. אִיר הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וויפִיל דִמְיוֹנוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים; מֶען דַארְף מִיךְ יָא, מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט; דִי קַאנְפִידֶענְס אִיז אַזוֹי שְׁוַואךְ אַז פוּן יֶעדֶע זַאךְ קְלַאפְּט מֶען זִיךְ אַרָאפּ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ מַאכְן אַ בּוּךְ מִיט אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ צוּ רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, סֵיי אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען דַארְף בֶּעסֶער מַאכְן - זָאלְט אִיר זֵיי זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט וָואס בֶּעסֶער צוּ מַאכְן, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי גוּטֶע וֶוערְטֶער; ווַייל דִי וויכְטִיגְסְטֶע

זַאךְ אִיז דִי טִיטְשֶׁערְס זָאלְן זַיין זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען גוּט אוּן זֵיי טוּעֶן גוּט דִי אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ רֶעדְן אֵיידְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווארויל אִיז דִיר אוּן ווארויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָּׁה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): ״וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד׳ אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת״, אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן דִי שְׁטֶערְנְס? נָאר אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּצֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט - אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּתִים וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וְכוּ׳; זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן, וֶוען דוּ הֶערְסְט קִינְדֶער רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵיי, זָאג זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן דַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אוּן אַז מֶען זָאגְט אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל אוּן מֶען הֶערְט וַוייטֶער רֶעדְן - דַארְף מֶען שׁוֹין גֶעבְּן אַ קְנַס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען צוּ זַיין אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גְרוֹיסֶע נִיסִים צוּ צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ"ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דִי מוֹסָד; מִיר דַארְפְן יֶעצְט גְרוֹיסֶע נִיסִים צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַאר בִּיז פֶּסַח, מִיר דַארְפְן אַ פֶערְטְל מִילְיָאן דָאלֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דֶעם וִוינְטֶער גָאר גְרוֹיסֶע נִיסִים; אָנְהוֹיבּ וִוינְטֶער הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְדִים, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ טוּנְקְל גֶעוָוארְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן, נָאכְדֶעם וָואס דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאט דִי רֶעגִירוּנְג גֶעהָאלְפְן דִי מוֹסְדוֹת צוּלִיבּ דִי קָארָאנֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע פְּרָאגְרַאמֶען, אָבֶער אָנְהוֹיבּ דִי יָאר הָאט מֶען אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אוּן חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶס אִיז גֶעוֶוען נִיסִים, יֶעדֶע וָואךְ צְוֵויי הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער אִין דִי פָּאסְט דוּרְךְ אַ נַדְבָן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם וִוינְטֶער.

יֶעצְט דַארְף אִיךְ דַיין הִילְף, אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט מִיר אַלְץ גֶעהָאלְפְן דֶעקְן דִי מְלַמְדִים. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פֶּערְזֶענְלִיךְ, זֵיי וַוייזְן אוּנְזֶערֶע בִּיכֶער. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סוֹדוֹת, אִיךְ ווִיל אַלֶע זָאלְן זֶען דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, וִויפִיל עֶס קוּמְט אַרַיין פוּן שְׂכַר לִימּוּד, וִויפִיל עֶס קוּמֶען פוּן דִי פְּרָאגְרַאמֶען אוּן וִויפִיל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע גֶעהַאלְט אִיז; זָאלְן אַלֶע זֶען דִי הוֹצָאוֹת אוּן דִי הַכְנָסוֹת, זָאלְן זֵיי זֶען אַז "אֵין הַקּוֹמֶץ מַשְׂבִּיעַ אֶת הָאֲרִי וְאֵין הַבּוֹר מִתְמַלֵּא מֵחֻלְיָתוֹ" (בְּרָכוֹת ג:).

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר, "אִם קָטֹן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ רֹאשׁ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אָתָּה" (שְׁמוּאֵל א טו, יז), הַאלְט זִיךְ נִישְׁט קְלֵיין, דוּ הָאסְט דִי כֹּחוֹת צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעטְרוֹיעֶן דִיךְ, אַלֶע וֵוייסְן דַיין גְרָאדְקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט אֱמֶת, אוּן מֶען שְׁפִּירְט גוּט וֶוען דִי צְדָקָה גֵייט דוּרְךְ דִיר.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אָן הִתְבּוֹדְדוּת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, אַלֶע זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, בַּיי דִי אֱמוּנָה, בַּיי דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען אַ קִינְד חוּצְפָּה'ט זִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חִינוּךְ אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, חִינוּךְ אִיז פוּן דִי עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת שֶׁבַּמִּקְדָּשׁ, מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

אַז דַיין קִינְד זָאגְט: "וָואס בִּין אִיךְ שוּלְדִיג אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בַּיי דִי שְׁטוּבּ וָואס מֶען דַארְף פָּאלְגְן?" עֶר זָאגְט: "אִיךְ וִויל נִישְׁט פָּאלְגְן", זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן אוּן שְׁלָאגְן, נָאר זָאגְן נָאכְאַמָאל: "מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע, מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ מַאמֶע", אוּן וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן דָאס קִינְד אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, אוּן אַז דָאס קִינְד חוּצְפָּה'ט זִיךְ וַוייטֶער - דַארְף מֶען אַמָאל גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ (דָאס אִיז נָאר אַמָאל אַמָאל, אוּן נָאר אַ פַּאטְשׁ, נִישְׁט פֶּעטְשׁ), אוּן וַוייטֶער זָאגְן מִיט סַבְלָנוּת, לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ בִּין זִיכֶער דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה צֶענְדְלִיגֶער מָאל, וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה

זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ זֶע דִיךְ אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי נִישְׁט דָארְט, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט לֵצִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער אַז דֶעם פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיי ... אִין שְׁטוּבּ בִּיז פַארְטָאגְס; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִיר זִיךְ דָארְט צוּ דְרֵייעֶן, דִי שְׁטוּבּ אִיז אַ מָקוֹם הֶפְקֵר, אַ פְלַאץ פוּן לֵיצָנוּת; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה נִישְׁט אַהִין גֵיין עֶסְן אוּן נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין אַהִין, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ גֵייסְט אַהִין, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן דוּרְךְ דִי לֵיצָנוּת.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דוּ קוּמְסְט נִישְׁט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי; אַז מֶען הוּלְיֶעט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בִּיז פַארְטָאגְס, אַוַדַאי קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין, מֶען פַארְפַאסְט דַאוֶוענֶען, מֶען פַארְפַאסְט קְרִיאַת הַתּוֹרָה (דִי וָואךְ הָאסְטוּ פַארְפַאסְט קְרִיאַת פַּרְשַׁת פָּרָה, וָואס לוֹיט טֵייל פּוֹסְקִים אִיז דָאס אַ דְאוֹרַיְיתָא).

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט הָאבְּן נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים, גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן לֵצִים אוּן לֵיידִיגְגֵייעֶרְס. אִיךְ זָאג דִיר וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי אֵיינֶעם אַ לֵץ: "זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט אַהִינְגֵיין - קֶען אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ יָא זָאגְן, אוֹיבּ דוּ גֵייסְט צוּ יֶענֶעם לֵץ - קוּם נִישְׁט צוּ מִיר" - אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג

אִיךְ דִיר: "גֵיי נִישְׁט דָארְט, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט לֵצִים, אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט וֶוערְן אָנְגֶעפִילְט מִיט לֵיצָנוּת".

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דַיין טַאטֶע פָארִיגֶע וָואךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דִיר, מֶען דַארְף נָאר אַבִּיסְל וַוארְטְן; אִיז אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט לֵצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### די וָואס רֵייצְן אָן אַנְדֶערֶע, ווילְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַלֶע וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן זֵייעֶר שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן ווִי נָאנְט זֵיי זֶענֶען אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן זֵיי פְרֶעגְן אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי; אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז, אַלֶע וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן זֵיי, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט אַייךְ, דָאס זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ מִיט אִיר; מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט רַחְמָנוּת - אִיז דָא אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

זַייט נִישְׁט מְקַנֵא - נִישְׁט אִיר אוּן נִישְׁט קֵיינֶעם, קוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, זִי אִיז אַ רַחְמָנוּת, זִי דַארְף אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט; דִי אַלֶע וָואס דֶערְצֵיילְן אוּן רֵייצְן אָן אַנְדֶערֶע - דִי ווִילְן אַטֶענְטְשְׁן, דִי זוּכְן תְּשׂוּמַת לֵב.

עֶס אִיז נִישְׁט וָואר דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז פַאר אַנְדֶערֶע הֵייבּ אִיךְ דִי טֶעלֶעפָאן אוּן פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן נִישְׁט; אִיךְ עֶנְטְפֶער אַלֶעמֶען גְלַייךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ צַייט עֶנְטְפֶער אִיךְ אַלֶעמֶען, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיט דִי מוֹסְדוֹת אָדֶער קְהִלִ'ישֶׁע זַאכְן - עֶנְטְפֶער אִיךְ נִישְׁט פַאר זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט.

אַז אִיר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט אַלֶעמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין אוֹיסְנַאם, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין פְּרָאטֶעקְצְיֶע, וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוּן בֶּעט אִים - וֶוערְט גֶעהָאלְפְן, "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס רוּפְט אִים, "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת", אוּן נָאךְ מֶער צוּ דִי וָואס רוּפְן אִים מִיט אַן אֱמֶת (תְּהִלִּים קמה, יח).

דֶער וָואס גֵייט מִיט דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - דֶער לַאכְט זִיךְ גוּט אוֹיס פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר בַּאקוּמְט מוֹחִין דְגַדְלוּת, עֶר אִיז מֶער קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא אוּן קוּקְט אוֹיף יֶעדְן מִיט רַחְמָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַלֶע צָרוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת; אִיר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, אָבֶּער יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן.

וָואס קוּקְט אִיר אוֹיף אַנְדֶערֶע? אוּן וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַייךְ וָואס מֶען פַּסְקֶ'נְט פַאר אַנְדֶערֶע? יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ בַּאקוּמֶען אַ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי פְרוֹי הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַזוֹי אוּן פַאר אַייךְ אַזוֹי? אַלֶע צָרוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע; אַז מֶען הָאט אַייךְ גֶע'פַּסְקֶ'נְט צוּ וַוארְטְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן - אִיז דָאס דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אוּן דָאס דַארְף זַיין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

מֶען פַארְלִירְט נִישְׁט אַז מֶען פָּאלְגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּרְךְ עֲבֵירוֹת וֶוערְט דִי לֶעבְּן טוּנְקֶל, שְׁוַוארְץ, קָאמְפְּלִיצִירְט**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ב אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעבְּלֶעט, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶער צוּ דַיין יְשׁוּעָה; אַזוֹיפִיל דַאוֶוענְען אִיךְ פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן קֶען זַיין אַז דִי מָאוִויס וָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיפְן טֶעבְּלֶעט - דָאס הַאלְט אַלֶעס צוּרִיק.

עֶנְדֶערְשׁ קוֹיף זִיךְ אַ כָּשֶׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן ווִי אֵיידֶער הָאבְּן דִי כֵּלִים וָואס נָאכְן פִילְטֶערְן קֶענְסְטוּ דָאס נָאכְאַלְץ עֶפֶענֶען, אוּן קוּקְן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פז): ״וּמֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִוּוּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, ״וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ״, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, ״תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ״, וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ׳, אָבֶּער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - ״אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ, וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ״, אִיז מֶען דֶעמָאלְט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וַוארְף אַוֶועק דִי טֶעבְּלֶעט, וַוארְף אַוֶועק דִי כֵּלִים וָואס דוּ קֶענְסְט זֶען נִיאוּף, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף; מֶען פַארְלִירְט דִי לֶעבְּן, דִי פַּרְנָסָה, דִי שִׂמְחָה, דִי מְנוּחָה; אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - וֶוערְט דִי לֶעבְּן טוּנְקֶל, שְׁוַוארְץ, קָאמְפְּלִיצִירְט; אַלֶעס פוּן זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן.

טַייעֶרֶער ..., גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין

שְׁפְּרַאךְ, שְׁרֵיי צוּ אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ, זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ וִויל הָאבְּן מַיין לֶעבְּן, מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזַא רַחְמָנוּת, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זִינְדִיגְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מַיין שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטוּפְּן, אָבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַּאלְן אִין דִי עֲבֵירָה? טַאטֶענְיוּ וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט עוֹמֵד זַיין בְּנִסָּיוֹן, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, נָאר אַז אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אָנָּא ה' אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וואוּ אִיז מַיין שִׁידוּךְ? וֶוען בַּאקוּם אִיךְ מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ וִויל אַ שִׁידוּךְ אוּן אִיךְ וִויל אַ רֵיינֶעם מֹחַ".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן דִיר גֶעבְּן אַ שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

די שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר פוּן דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן פוּן דֶעם מְנַהֵל, זֵיי זָאגְן מִיר אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס

נְשָׁמָה בַּיים שַׁעַר הַשָּׁמַיִם, און אַזוֹי טוּעֶן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, זֵיי גֵייעֶן צוּם שַׁעַר הַשָּׁמַיִם בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה און זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד.

נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; יֶעצְט אִיז דַיין שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְּן, זִיץ אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ און דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנִים; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר הַמִּידוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ לֵיינֶען דַיינֶע בְּרִיוו.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע סְפָרִים פוּן נַ"ךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת, פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר הַמִּידוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעט): "דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד", אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, און פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן שׁוֹין דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אוֹיף דָאנֶערְשְׁטָאג, אַזוֹי זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְפַּאסְן אַ וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי,

יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ הֲלָכָה אֲפִילוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

הֶער אוֹיס דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר הָרַב מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁלִיטָ"א אוּן פָּאלְג וָואס עֶר זָאגְט דִיר.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶע בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חִיזְבַּאלַא, כַאמַאס, אִירַאן; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים - אִיז נָאר אֱמוּנָה; חַזֶר'ן נָאכְאַנַאנְד 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, נִישְׁט חִיזְבַּאלַא, נִישְׁט כַאמַאס, נִישְׁט אִירַאן, קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט'.

אוֹיבּ אִיר הָאט שְׁטַארְקֶע שְׁרֶעק פוּן דִי נַייעֶס - זָאלְט אִיר נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, ווִי עֶר זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים קיח, ו): "ה' לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, וָואס קֶען מֶען מִיר טוּן; וֶוען עֶס כַאפְּט אַייךְ אָן אַ שְׁרֶעק זִינְגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ (שָׁם נו, ד): "יוֹם אִירָא", אִין דֶעם טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, "אֲנִי, אֵלֶיךָ אֶבְטָח", פַארְזִיכֶער אִיךְ זִיךְ אִין דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זִינְגְט דִי וֶוערְטֶער (שָׁם, ה): "בֵּאלֹקִים בָּטַחְתִּי", אִינֶעם

בַּאשֶׁעפֶּער פַארְזִיכֶער אִיךְ זִיךְ, "לֹא אִירָא", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, "מַה יַּעֲשֶׂה בָשָׂר לִי", וָואס קֶען מִיר דֶען אַ מֶענְטְשׁ טוּן.

דִי בֶּעסְטֶע הֵיילוּנְג פַאר שְׁרֶעק אִיז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים, ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט (שָׁם כג, ד): "גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת", אוֹיךְ וֶוען אִיךְ גֵיי אִין אַ טוּנְקֶעלֶע טָאל, אִין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פְּלַאץ, "לֹא אִירָא רָע", הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "כִּי אַתָּה עִמָּדִי", וַוייל דוּ בִּיסְט מִיט מִיר; דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַנְטְלָאפְן אִין מִדְבָּר וֶוען דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, דָארְט אִין דִי פִינְסְטֶערֶע מִדְבָּר הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס זָאלְן רֶעדְן צוּ עֶנְק מֶער פוּן אֱמוּנָה, וַוייל נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה פַאר פְּחָדִים; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - גֵייעֶן אַוֶועק דִי פְּחָדִים.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים קַאפִּיטְל כט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט קַאפִּיטְל כט נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַּאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס מֵיינְט מֶען פַּאנִיק אַטַאקֶעס וְכַדוֹמֶה.

"מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה' בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז, הָבוּ לַה' כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ. קוֹל ה' עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים ה' עַל מַיִם רַבִּים. קוֹל ה' בַּכֹּחַ קוֹל ה' בֶּהָדָר. קוֹל ה' שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר ה' אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן. וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים. קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ. קוֹל ה' יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל ה' מִדְבַּר קָדֵשׁ, קוֹל ה' יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, ה' לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב ה' מֶלֶךְ לְעוֹלָם, ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶרֶע פְּחָדִים וֶועלְן פוּן אַייךְ אַוֶועק גֵיין, אִיר וֶועט קֶענֶען לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ג אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן, בִּזְכוּת דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס מוֹסָד אוּן פַאר קֶהִלּוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

פַארְלָאז זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אוּן שְׁמִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ג אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס בַּיי עֶנְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נֵייעֶס; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה, דִי בֶּעסְטֶע שְׁמִירָה - אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קוּקְן עֲבֵירוֹת מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט נָאר דֶערְבִּיטֶערְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְוֵוייטָאגְט, אַזוֹיפִיל יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן מִיט דִי קְלֵיינֶע טֶעלֶעפָאן, פוּן קוּקְן נִיאוּף - פַארְלִירְסְטוּ אַלֶעס. אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף - קוּמְט אַ בִּיטֶערֶע סוֹף; אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ הָאבְּן בַּיי דִיר אִין טַאשׁ אַ שְׁמוּץ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען קוּקְן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְף אַוֶועק דִי שְׁמוּץ טֶעלֶעפָאן, דִי שְׁמוּץ טֶעבְּלֶעט, קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. קוּקְן עֲבֵירוֹת מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפְרִידְן; קוּקְן עֲבֵירוֹת מַאכְט מֶער דִיפְּרֶעסְט, מֶער דֶערְבִּיטֶערְט.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ קוּק זִיךְ צוּ וִוי צוּבִּיסְלִיךְ פַארְלִירְסְטוּ אַלֶעס, דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן דִיךְ פַארְכַאפְּט, זֵיי מַאכְן פוּן דִיר לֵיצָנוּת, זֵיי שְׁלֶעפְּן דִיךְ צוּ קוּקְן נָאךְ אַ קְלִיפָּה, נָאךְ אַ מָאוּוִי פוּן שִׁקּוּץ, תִּיאוּב אוּן נִיאוּף. לִיבֶּער בְּרוּדֶער וַוארְף אַוֶועק דִי זַאכְן, צֶעבְּרֶעךְ דִי גֶעטְשְׁקֶע, קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, עֶר וַוארְט זָאלְסְט קוּמֶען צוּ אִים, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, קוּם צוּרִיק צוּ דִי תּוֹרָה, בַּאנֵיי זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה וְאַגָּדָה וְכוּ'.

הָאסְט אַ וַוייבּ; קוּק אוֹיף אִיר, רֶעד מִיט אִיר; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיט פְרֶעמְדֶע, וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁעְן?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיט גוּטֶע מִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אִין חֵדֶר אוֹיפְצוּלֶעבְּן דִי קִינְדֶער אוּן הֶעלְפְן דֶעם מְנַהֵל מִיט דִי מְלַמְדִים, נִישְׁט צוּ זִיצְן בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער אוּן פַארבְּרֶעגֶען דִי טֶעג אוּן דִי נֶעכְט, מִיר אַרְט נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע צֶעטְלֶעךְ, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נָאר דִי אֵיין זַאךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, לֶעבְּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין סְגַן מְנַהֵל פַאר צֶעטְלֶעךְ, יֶעדֶער מְלַמֵד קֶען זִיךְ מַאכְן זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ הַאנְט גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שִׁימְל נִישְׁט אָפּ אִין אָפִּיס; דֶער קָאמְפְּיוּטֶער קֶען אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים אַזוֹי פַארְנַארְן, אַז מֶען מֵיינְט מֶען טוּט אוֹיף אוּן מֶען פַארבְּרֶענְט דִי טֶעג אוּן יָארְן; רֶעד אַדוּרְךְ מִיטְן מְנַהֵל וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְנִידֶערְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ אַז אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף אִיר; דִי מְנַהֶלֶת זָאגְט, זִי הָאט אַ וֵוייכֶע הַארְץ פַאר דִי תַּלְמִידוֹת, בִּפְרַט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן בַּאַזֵייטִיגְט; זִי גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי, אִיר הַארְץ אִיז מִיט זֵיי.

גֶעבּ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי זַאךְ אַז זִי

זָארְגְט זִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער; פַאר דִי קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַרוֹיס בַּיי דִי שְׁפִּילֶעֲרֵייעֶן, פַאר דִי קִינְדֶער וָואס בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן בַּיי דִי שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' וְכוּ'; וַוייל דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פוּן אַ מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְנִידֶערְט.

וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי מִיסְט אוּן זֶען אוֹיב דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין וֶוען דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ דִי עֶלְטֶערְן הֶעלְפְן, נִישְׁט נָאר צוּ עֶסְן אוּן צוּ זִיךְ אָנְלֵייגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ צַייטְלִיכֶער מְלַמֵּד אִיז אִין קְלַאס צֶען מִינוּט פְּרִיעֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אָדֶער נֶעמְסְטוּ אָן דַיין אַרְבֶּעט עֶרְנְסְט; עֶרְנְסְט מֵיינְט זַיין צַייטְלִיךְ - קֶענְסְטוּ בְּלַייבְּן אַ מְלַמֵּד בַּיי מִיר אִין מוֹסָד, אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ הַיינְט אָפְּזָאגְן.

נִישְׁטָא קַיין מְחִילָה, נִישְׁטָא קַיין תְּשׁוּבָה - פַארְן קוּמֶען טָאג אַיין טָאג אוֹיס שְׁפֶּעט; דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז מִיטְן פְּטוּם אַרָאפּ, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז יֶענֶע טָאג וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפֶּעט.

שְׁרַייבּ מִיר וָואס דַיין פְּלַאן אִיז, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט אוּן זַיין צַייטְלִיךְ, צַייטְלִיךְ מֵיינְט צֶען מִינוּט אֵיידֶער מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן מִיט דִי מְלַמְּדוּת; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּן צוּ דִי קִינְדֶער.

...

**גַבָּאִים דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, אָן קַיין אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז צְווִישְׁן דִי גַבָּאִים אִיז דָא חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעס, עֶנְק הָאבְּן קוּים מִנְיָן, קַארְגֶע צֶען מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹיפִיל חֶשְׁבּוֹנוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אַ שָׁאד, אַ שָׁאד אַז עֶנְק זֶענֶען פַארְהַאקְט, אַ שָׁאד, אַ שָׁאד אַז עֶנְק זוּכְן נִישְׁט תַּכְלִית, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען ׳מִי בְּרֹאשׁ׳ וֶוער אִיז גֶערֶעכְט; פְּרֶעגְסְט מִיר וֶוער אִיז גֶערֶעכְט? אִיךְ הַאלְט אַלֶע גַבָּאִים זֶענֶען גֶערֶעכְט, דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט פַארְן אַרָאפְּרַייסְן דִי צֶעטְל הֱיוֹת מֶען הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט וְכוּ׳, אוּן דִי אַנְדֶערֶע גַבָּאִים זֶענֶען גֶערֶעכְט פַארְן אוֹיפְהֶענְגֶען אַ צֶעטְל צוּ מוּטִיגְן דִי קִינְדֶער צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ גֶערֶעכְט פַארְן זִיךְ חוּצְפָּה׳נֶען, וַוייל דָאס אִיז דִי תּוֹצָאָה פוּן מַחֲלֹקֶת; וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן מַחֲלֹקֶת וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר צֶעווִילְדֶעוֶועט אוּן זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם.

וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט אָדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג? גֶערֶעכְט בִּיסְטוּ סַיי וִוי, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי אַהֲרֹן דֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר רַב, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אוּן עֶר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי׳ן פַארְוָואס עֶר אִיז גֶערֶעכְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אוּן גֶערֶעכְט זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין? אַוַודַאי בִּיסְטוּ גֶערֶעכְט, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעבְן דֶעם פַּאטְשׁ״.

דִי פְרַאגֶע אִיז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג? רִיכְטִיג אִיז - זִיךְ אַדוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן אֵיידֶער מֶען טוּט עֶפֶּעס, אוּן דָאס מַאכְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט קָאכֶעדִיגֶע בְּלוּט אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין אִין פֶעלְד שְׁרֵייעֶן: ״טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיךְ, טַאטֶע וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? טַאטֶע נָאךְ אַבִּיסְל לֵייגְט מֶען מִיךְ אִין דֶער עֶרְד אוּן וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן פִירְן אוּן פוּן זַיין בְּרֹאשׁ?

טאַטע ראַטעווע מיך, עס קאָכט אין מיר בלוט פון נצחון, פון שְׂרָרָה, פון קִנְאָה וְכוּ׳ וְכוּ׳״; דָאס איז ריכטיג.

איך וועל דיר זאָגן דעם אֱמֶת, איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט געשפּירט אַז בּיי ענק איז דאָ חֶשְׁבּוֹנוֹת צווישן די גַבָּאִים, און דאָס טוט מיר וויי, ווייל איך האָב צוגעזאָגט פאַר מוֹהֲרָא״שׁ בּיים זיך געזעגענען בּיי די הִסְתַּלְּקוּת אַז איך וועל נישט האָבן צוטון מיט מַחֲלֹקֶת, עס שטייט מיר פאַר די אויגן די ווערטער וואָס מוֹהֲרָא״שׁ האָט געשריבן אינעם טאָג פון זיין הִסְתַּלְּקוּת: ״איר זאָלט זיך זייער היטן אַז עס זאָל נישט זיין קיין מַחְלוֹקֶת צווישן אייך, עס גייט מיר אין לעבן אַז מיינע תַּלְמִידִים זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען מיט שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט״.

דו ווייסט און דו געדענקסט פון יאָרן צוריק, אַז עס איז געווען אַ גַבַּאי בּיי אונז אין שטיבל אין ווילְיאַמְסבּוּרג וואָס האָט גערעדט אין שול קעגן מיר, קעגן די יְשִׁיבָה; איך בּין געזיצן און געשוויגן, איך האָב געוואָרנט די בָּחוּרִים אויב איינער וועט עפּעס טון, איך האָב גאָרנישט געזאָגט פאַר מוֹהֲרָא״שׁ, אַלעס נאָר נישט צו האָבן מיט מַחֲלֹקֶת; פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס בּיי ענק קען נישט זיין שָׁלוֹם און אַהֲבָה.

איך דאַרף מְקַצֵּר זיין.

דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבן הַצְלָחָה אין אַלע עִנְיָנִים.

...

## דערבּיטערט צום טויט, פון וואַרטן אויף אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ״ד אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מיין טייערער ליבער ... נֵרוֹ יָאִיר

איך האָף דו שטאַרקסט זיך, דו גייסט יעדן טאָג דאַווענען דריי תְּפִלּוֹת און דו לערנסט שִׁיעוּרִים אין מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא. איך ווייס דו האָסט נישט קיין לעבן פון וואַרטן אַזוי לאַנג אויף אַ שִׁידוּךְ, דו בּיסט דערבּיטערט בּיז צום טויט, מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זאָגט: ״קיינער פאַרשטייט נישט קיין

בָּחוּר, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַדוּרְךְ"; אַ בָּחוּר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט זָאלְסְט זִיךְ קוּמֶען אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

פָּאלְג אַ צַדִּיק, פָּאלְג מוֹהֲרָא"שׁ; נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי.): "סְלִּוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ'; אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

גֶעעֶנְדִיגְט מִיט טְשֶׁעפֶּען אוּן וֵויי טוּן, וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ה אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

זָארְג נִישְׁט, וֶועסְט הָאבְן אוֹיף פֶּסַח; דוּ זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין, טְשֶׁעפֶּע אִיר נִישְׁט - וֶועסְטוּ הָאבְן גְרוֹיס שֶׁפַע. אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ דוּ טוֹישְׁסְט דִי וֶועג וִוי דוּ רֶעדְסְט אִין שְׁטוּב, דוּ הוֹיבְּסְט אָן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ

אֶרֶץ און מִיט כָּבוֹד, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט טְשֶׁעפֶּען, מִיט וֵויי טון - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וֵויינֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "זָארְג נִישְׁט, אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, זָארְג זִיךְ פַארְן פֶּסַח אַלֵיין"; אוֹיף קְדוּשָׁה פוּן פֶּסַח, זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם, אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה. גֵיי שְׁרַיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָׁה פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, צוּ 'פֶּה סָח', רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וִויסְן אַז נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אַ רֵיינֶע מֹחַ און אַ רֵיינֶע הַארְץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע אֵבָרִים פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע".

קוֹיף פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר יוֹם טוֹב, אַ צִירוּנְג מִיט נַייעֶ קְלֵיידֶער, רוּים אַרוֹיס דִי קַמְצָנוּת, דָאס אִיז חָמֵץ גָּמוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חוֹדֶשׁ הַגְּאוּלָּה, יֶעדֶער וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע גָלוּת'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דִי וָואךְ אִיז שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ, שַׁבַּת מְבָרְכִים נִיסָן, מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי חוֹדֶשׁ הַגְּאוּלָּה; יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע גָלוּת'ן וָואס עֶר לַיידְט.

מֶען זָאגְט אִין דִי יוֹצְרוֹת 'הַחוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת', טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"ש, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבָּארְגְן יְשׁוּעוֹת; וָואס פַאר אַ יְשׁוּעוֹת אִיז דָאס בֶּעסְטֶע זִיךְ אוֹיס צוּ בָּארְגְן? שִׂמְחָה, מֶען קֶען שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְן חֶשְׁבּוֹן

אַז בַּאלְד קוּמְט גוּטֶע טֶעג אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען דָאךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, בָּארְגְט מֶען אוֹיס שִׂמְחָה פוּן שְׁפֶּעטֶער... אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אָן עָנִי וְאֶבְיוֹן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּב. זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט הָאבְּן מִיר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶס וֶועט נָאךְ גוּט זַיין, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, דֶערְפַאר בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט, אוֹיף צוּ זַיין יֶעצְט פְרֵיילִיךְ".

מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם ווִינְטֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ זַיין, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם ווִינְטֶער מַיין פַּאסְפָּארְט, נָאר יֶעצְט הָאבּ אִיךְ דָאס בַּאקוּמֶען, אוּן יֶעצְט אִיז שְׁוֶוער אִיבֶּער צוּ לָאזְן דִי שְׁטוּבּ צוּלִיבּ דִי הֲכָנוֹת פוּן פֶּסַח, זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיךְ הָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּעֶרֶךְ צְוֵויי וָואכְן נָאךְ פֶּסַח אוּן זִיךְ קֶענֶען אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין; בְּעִיקָר ווִיל אִיךְ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, דִי טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, אוּן אוֹיךְ מִיט דִי קִינְדֶער; וַוייל דָאס אִיז בַּיי מִיר דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע.

יֶעצְט אִיז מֶען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט הֲכָנוֹת פַאר פֶּסַח, ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט שִׂמְחָה, אוֹיף דֶעם זָאל מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן מֶער פוּן אַלֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה) הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוּן נִישְׁט זוּכְן דִי חוּמְרוֹת, אוּן אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח - הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין

מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְגִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען "קְוָואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוָואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוָואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוָואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

אִיךְ בֶּעט עֶנְק נָאכְאַמָאל, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין דִי עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּב. דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּטְרָאגְן דִי חָמֵץ אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, זֵיי לֵייגְן אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת אִין דִי מִצְוָה, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵק זַיין, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ, "שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", וַוייל דִי נַאטוּר בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעפִילִישׁ, זֵיי וֵויינֶען שְׁנֶעלֶער; זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דִי וַוייבּ.

מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, מֶען מוּז רֶעדְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מֶען מוּז רֶעדְן וֵוייךְ אוּן אֵיידְל, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שַׁאפְן; אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי וַוייבּ אִיז מֶען אַ שֵׁגֶץ; זַייט נִישְׁט בֵּייז וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ, מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ יְרוּשָׁלַיִמ׳עֶר קַאפְּטְן אוּן אַ וַוייסֶע קַאפֶּעלֶע; אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ - אִיז מֶען אַ בַּאנְדִיט, אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען מוּז זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

גֵייט הֲפָצָה, יֶעצְט בֵּין הַזְמַנִים אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מֶען דַארְף גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...